# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

פרשת פינחס תשפ"ד
גליון ק"ג
שנה ג'

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

### אליאב ווערט נישט גערעכנט פאר א הויפט משפחה ווייל זיין משפחה האט זיך בעיקר געצויגן פון דתן ואבירם

**ובני פלוא אליאב. ובני אליאב נמואל ודתן ואבירם הוא דתן ואבירם קרואי העדה...** (כו, ח-ט)

דער אלשיך הק' שטעלט זיך אויף דעם פסוק מיט כמה דיוקים: **א.** פארוואס שטייט **"ובני" פלוא אליאב** - בלשון רבים, ער האט דאך געהאט נאר איין זון? **ב.** פארוואס שטייט "הוא" דתן ואבירם - בלשון יחיד? **ג.** פארוואס איז די תורה מאריך אז דתן ואבירם זענען געווען **"קרואי העדה"**? און בכלל, וואס פעלט אויס נאכאמאל צו דערציילן אז דתן ואבירם זענען נענש געווארן ביי עדת קורח?

מ'קען אבער ענטפערן בפשטות, ווייל מיר טרעפן אז אפילו איינער וואס האט נאר געהאט איין זון זאגט די תורה אויף **"ובני"** - בלשון רבים, ווייל פון אים איז ארויסגעקומען א גרויסע משפחה, אזוויו ס'שטייט אין פרשת ויגש (בראשית מו, כג) **"ובני דן חושים"**, און די גמרא זאגט (ב"ב קמג:) אז ער איז געווען "מרובה באוכלוסין" - ער האט זיך צושפרייט אויף א ריזיגע שבט. אויב אזוי קען זיין, אז ראובנ'ס זון **"פלוא"** איז אויך געווען מרובה באוכלוסין, וועגן דעם שטייט **"ובני" פלוא אליאב**, ווייל ער האט זיך צושפרייט אויף א גרויסע משפחה.

אויב אזוי האט דאך **"אליאב"** אויך געהאט זייער אסאך קינדער, וואלט ער דאך אויך געדארפט הייסן א **הויפט משפחה**, איז פארוואס טאקע ווערט נישט **אליאב** גערעכנט פאר א הויפט משפחה? נאר רש"י זאגט שפעטער (להלן פסוק כד) אז **"בלע"** פון שבט בנימין האט געהאט אסאך אייניקלעך, אבער ווייבאלד **"ארד"** און **"נעמן"** האבן געהאט די גרעסטע משפחות ווערן אלע אנדערע קינדער גערופן אויף זייער נאמען.

אויב אזוי קען זיין, אז **אליאב'ס** גרעסטע משפחה האט זיך געצויגן פון **דתן ואבירם** און נישט פון נמואל. ממילא אויב מ'וואלט געוואלט אנרופן **אליאב** אלס א הויפט משפחה וואלט וועגן געפאסט אז די משפחה זאל גערופן ווערן אויף **דתן און אבירם** וועגן צוויי סיבות; סיי ווייל זיי האבן געהאט **די גרעסטע משפחות**. און חוץ פון דעם, ווייל דתן און אבירם זענען געווען גאר חשוב'ע מענטשן. איז הגם נמואל איז טאקע עלטער, וואלט אבער געפאסט אז די **הויפט משפחה** זאל פאררעכנט ווערן אויף דתן און אבירם'ס נאמען.

אבער היות אז דתן און אבירם האבן חולק געווען אויף משה רבינו, האבן זיי מיט דעם פארלוירן די חשיבות צו הייסן א **הויפט משפחה**. איינס, ווייל אפילו זיי האבן טאקע געהאט גרויסע משפחות - זענען דאך אבער אלע איינגעשלינגען געווארן אין דער ערד, און סוף כל סוף איז גארנישט געבליבן פון זיי. און בפרט נאך אז זיי האבן געזינדיגט, און די גמרא זאגט דאך (יומא לח:) אז מ'רופט זיך נישט אויפן נאמען פון א רשע.

אויב אזוי איז שוין פארענטפערט אלע דיוקים אין פסוק, קודם זאגט ער: **"ובני" פלוא אליאב**, אז הגם אז "פלוא" האט נאר געהאט איין זון ווערט ער אנגערופן **"ובני"** בלשון רבים, ווייל פון אים זענען ארויסגעקומען אסאך קינדער און ער איז געווען "מרובה באוכלוסין".

אויב אזוי, איז פארוואס ווערט **"אליאב"** נישט אנגערופן "משפחת אליאבי", ער איז דאך געווען מרובה באוכלוסין? זאגט דער פסוק: **"ובני אליאב נמואל ודתן ואבירם"**, אז אויב מ'וואלט גערעכנט זיינע קינדער פאר הויפט משפחות וואלט דאך געפאסט צו רעכענען די משפחות אויף "דתן ואבירם" ווייל זיי זענען געווען **"קרואי העדה"** די חשוב'ע פון די געמיינדע, איז הגם נמואל איז עלטער וואלט אבער די משפחה נאמען געדארפט הייסן אויף דתן און אבירם.

אבער היות אז דתן און אבירם האבן חולק געווען אויף משה רבינו, איז דאך דעמאלסט געווארן **"הוא" דתן ואבירם בלשון יחיד**, - אז זיי ווערן אנגערופן **"אשר הצו על משה ועל אהרן בעדת קרח"** ווייל נאך וואס זיי האבן געזינדיגט איז מען מער נישט מייחס די הויפט משפחה אויף זייער נאמען. און נאך בפרט אז **"ותפתח הארץ את פיה ותבלע אותם"** נאך וואס דער ערד האט זיי איינגעשלינגען איז דאך למעשה גארנישט געבליבן פון זייערע משפחות, ממילא וועגן דעם רעכנט נישט די תורה דא אויס זייער טאטע **"אליאב"** פאר א הויפט משפחה, ווייל אלעס האט זיך דאך געצויגן דורך דתן און אבירם און מ'קען מער נישט רופן די משפחה נאמען אויף זיי.

### דער חטא "מי מריבה" איז גערעכנט פאר א חטא נאר פאר משה רבינו לפי גודל מדריגתו

**ונאספת אל עמיך... כאשר מריתם פי במדבר צין במריבת העדה...** (כז, יג-יד)

מען קען מדייק זיין, וואס איז די לשון **"כאשר מריתם פי**, מיט א כ' הדמיון, פארוואס שטייט נישט **"על אשר"** מריתם?

נאר **"כאשר"** קען זיין משמע אז ס'איז נישט ממש א חטא נאר **"כאילו"** א חטא. מיט דעם האט דער אויבערשטער געוואלט זאגן פאר משה רבינו, אז די "מי מריבה" איז נישט **באמת** א חטא - אז ער האט ווידערגעשפעניגט אינעם אויבערשטן ח"ו, נאר פאר אזא איינער ווי משה רבינו - לפי גודל מדריגתו - ווערט דאס גערעכנט **"כאילו"** ער האט עובר געווען אויפן רצון ה'. איז וועגן דעם שטייט דא **"כאשר מריתם פי**, צו זאגן אז באמת איז עס נאר **כאילו** דו האסט ממרה געווען פי ה'.

### א מנהיג וואס האט זכותים דארף נישט מורא האבן צו גיין צום ערשט אין מלחמה זייענדיג פארזיכערט אז ער גייט נישט געשעדיגט ווערן

**אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם ואשר יוציאם ואשר יביאם.** (כז, יז)

קען מען זאגן פשט; ווייל פון חז"ל זעט מען (ברכות סב. - וברש"י שם ד"ה בתר דמלך) אז ווי חשוב'ער א מענטש איז דארף ער א גרעסערע שמירה פון מזיקים. אויב אזוי וועט מ'גייט ארויס אין מלחמה וואלט מען דאך פארשטאנען אז מען דארף די שטערקסטע אכטונג געבן אויפן "מנהיג" און אים שטעלן **צום לעצט** מיט

# די הייליגע צוואה

## ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

### הגליון נתנדב ע"י

**משפחת לאווענשטיין** שיחי'
לע"נ אמם האשה החשובה
מרת **פיגא** ב"ר **אברהם יהודה הכהן** ע"ה
יארצייט ט"ז תמוז

זכות הפצת תורת הגה"ק מפלאצק זי"ע
יהא זכר ועילוי לנשמתה

די גרעסטע שמירה ארום אז ער זאל נישט אנגעגריפן ווערן דורך די פיינט.

אבער ס'איז נישט אזוי, ווייל ווען אידן האבן איינגענומען א"י האט זיך זייער הצלחה געוואנדן אויב זיי פירן זיך ערליך, איז אויב זיי האבן געהאט אן ערליכער מנהיג איז דאך דער דור אויך געווען ערליך, זענען זיי געווען פארזיכערט **ולא נפקד מהם איש** אז קיינער וועט נישט פאלן ביי די מלחמה. האט אודאי דער מנהיג - וואס ער איז געווען דער וואס האט אכטונג געגעבן אז אידן זאלן זיך פירן ערליך - נישט געהאט וואס מורא צו האבן ארויסצוגיין צום ערשט אן קיין ספעציעלע וואַך, ווייל ער איז געווען פארזיכערט אז ער גייט נישט געשלאגן ווערן דורכ'ן שונא.

דאס האט דא משה רבינו געבעטן פונעם אויבערשטן, אז ער זאל שטעלן אויף כלל ישראל אזא מנהיג וואס האט גרויסע זכותים, אויף אזוי ווייט "**אשר יצא לפניהם**" אז ער זאל קענען ארויסגיין אין מלחמה **פאר זיי** - פון פאראויס, אן צו דארפן א ספעציעלע שמירה. וויאזוי טאקע? ווייל ער וועט זיין פארזיכערט "**ואשר יוציאם ואשר יביאם**" אז ער גייט **ארויסנעמען** די אידן אין מלחמה און ער גייט זיי **אלע צוריק אהיים ברענגען** אן קיין מכשולות, ווייל ער וועט אכטונג געבן אז די אידן זאלן זיך פירן ערליך, ממילא וועט ער אליינס אויך נישט דארפן מורא האבן צו גיין **פון פאראויס**.

### משה רבינו זאל הייסן יהושע'ן דרש'ענען בפניו אזוי וועלן אלע אידן הערן אז ער איז דער ניי ערוועלטער מנהיג

**והעמדת אותו לפני אלעזר הכהן... וצויתה אותו לעיניהם. ונתת מהודך עליו למען ישמעו כל עדת בני ישראל.** (כז, יט-כ)

לכאורה איז דא שווער צוויי קשיות. א. די תורה זאגט "**וצויתה אותו לעיניהם**" אבער ס'שטייט נישט וואס ער זאל אים באפעלן? (ועי' רש"י). ב. "**למען ישמעו כל עדת בני ישראל**" מיינט בפשטות אז די אידן זאלן **אים** אויסהערן. אויב אזוי וואלט דאך געדארפט שטיין **למען ישמעו "אליו" כל עדת בני ישראל**, ווייל לויט ווי עס שטייט סתם "**למען ישמעו**" איז משמע אז די אידן דארפן **עפעס** הערן, עס שטייט אבער נישט וואס?

נאר רש"י זאגט פריער אויף "**וסמכת את ידך עליו**" אז דאס מיינט אז משה רבינו זאל נאך בחייו שטעלן פאר יהושע א "מתורגמן" איבערצוזאגן יהושע'ס דרשות פאר'ן ציבור, כדי די אידן זאלן נישט שפעטער זאגן אז בחייו פון משה רבינו האט יהושע נישט געקענט דרש'ענען ברבים.

אויב אזוי שטימט שוין זייער גוט די המשך הפסוק "**וצוית אותו לעיניהם**", אז דאס טאקע וואס דער אויבערשטער האט געהייסן פאר משה רבינו - צו באפעלן יהושע אז ער זאל דרש'ענען ברבים פאר אים - זאל משה רבינו באפעלן יהושע "**לעיניהם**", ווען אלע אידן הערן ווי משה רבינו באפעלט אים צו דרש'ענען. ווייל אויב משה רבינו וואלט עס נישט באפוילן ברבים וואלט יהושע - ברוב ענותנותו - נישט אנגענומען דעם כיבוד, ווייל ער וואלט מורא געהאט אז די אידן ווייסן נישט אז משה רבינו האט אים געהייסן דרש'ענען בפניו, און זיי וועלן אים חושד זיין אז ער האט זיך אליינס מכבד געווען און ער נעמט אליינס די גדולה, איז וועגן דעם האט דער אויבערשטער געהייסן משה רבינו דאס צו באפעלן **ווען אלע אידן הערן**.

אבער למעשה, קען דאך יהושע נאכאלץ חושש זיין אז אפשר האבן נישט אלע אידן געהערט ווי משה רבינו באפעלט אים צו דרש'ענען און זיי וועלן אים חושד זיין אז ער נעמט זיך אליינס די גדולה, האט אויף דעם דער אויבערשטער נאכדעם געזאגט: "**ונתת מהודך עליו**" אז משה רבינו זאל געבן פאר יהושע פון זיין "קירון עור פנים", וואס דאס וועט זיין א קלארע באווייז אז יהושע נעמט זיך דא גארנישט אליינס, און דאס וועט גורם זיין "**למען ישמעו כל עדת בני ישראל**" אז אלע אידן זאלן הערן אז משה רבינו איז געווען דער וואס האט אים באפוילן צו דרש'ענען און ער האט עס נישט גענומען אליינס. וועגן דעם שטייט נישט **למען ישמעו "אליו"** - ווייל די כוונה איז אז די אידן זאלן הערן דעם "**וצויתה אותו**" אז משה רבינו האט אים באפוילן צו דרש'ענען.

### דורך די אורים ותומים וועלן אלע אידן צוריקקומען פונעם מלחמה ווי זיגער

**על פיו יצאו ועל פיו יבואו הוא וכל בני ישראל אתו וכל העדה.** (כז, כא)

לויט ווי פריער דערמאנט (במאמר ג') אז אויב דער מנהיג און דער גאנצער דור זענען ערליך וועט קיינער נישט פאלן ביי די מלחמה, שטימט דער המשך הפסוק; **על פיו "יצאו" ועל פיו "יבואו"** - אז בזכות יהושע וועלן די וואס **גייען ארויס** אין מלחמה אויך **צוריקקומען** אומבאשעדיגט.

וועגן דעם איז דער פסוק מדגיש: **הוא "וכל" בני ישראל אתו** - אז **אלע אידן** וועלן אהיימקומען מיט אים לשלום. און דער פסוק ענדיגט צו: "**וכל העדה**" אז זיי וועלן צוריקקומען **די גאנצע עדה** אינאיינעם, ווייל צומאל קומט א מיליטער טאקע צוריק פון א מלחמה אבער נישט מיט א זיג נאר "אנטלויפנדיג" פונעם פיינד. און דער סימן צו וויסן צו זיי האבן אפגעהאלטן א נצחון אדער זיי זענען אנטלאפן איז ווייל ווען מ'אנטלויפט צושפרייט זיך די מיליטער אויף אלע זייטן, יעדער איינער לויפט אין א צווייטע ריכטונג, אבער ווען מ'קומט אהיים מיט א זיג - קומט די **גאנצע מיליטער צוזאמען**. דאס מיינט "**וכל העדה**" - אז **די גאנצע געמיינדע** וועט צוריקקומען **צוזאמען** ווי געווינער!

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868